ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח׳ | שנת תשע"א

## פרשת ויצא

**וישכב במקום ההוא:** פרש"י אבל י"ד שנים ששימש בבית עבר לא שכב בלילה, לפי שהיה עוסק בתורה.

דער הייליגער **ישמח משה** זי"ע זאגט א הסבר אויף דעם ענין פארוואס יעקב אבינו איז געווען פערצן יאר בבית עבר, ווייל יעקב אבינו האט מורא געהאט צו גיין צו לבן אין שטוב, ווייל ער האט געוואוסט אז לבן איז א רשע, און ער קען אים ח"ו מאכן זינדיגן.

די גמרא (יומא דף ל"ח ע"ב) זאגט אבער אז ווער עס איז שוין אריבער רוב פון זיינע יארן און ער האט נישט געזינדיגט, וועט ער שוין נישט זינדיגן.

עס שטייט אין **ירושלמי** (ברכות פ"א ה"א) אז דאס וואס עס שטייט אין פסוק (עקב י"א כ"א) **כימי השמים על הארץ**, דאס איז פינף הונדערט יאר, וואס אזויפיל יאר האבן די אבות הק׳ אינאיינעם געלעבט אויף די וועלט, אברהם 175, יצחק 180, יעקב 147, דאס קומט אויס 502, אבער די צוויי ערשטע יאר פון אברהם אבינו רעכנט מען נישט, ווייל ווען ער איז אלט געווען דריי יאר איז הערשט געווען **הכיר את בוראו**, דאס קומט אויס פונקט 500.

יעקב אבינו האט געוואוסט אז די אבות צוזאמען וועלן לעבן 500 יאר, אבער ער האט געמיינט אז יצחק וועט לעבן אזויפיל יארן ווי אברהם, ווייל ער האט נישט געוואוסט אז אברהם האט געלעבט ווייניגער יארן וועגן די שלעכטע אויפפירונג פון עשו הרשע. ממילא האט ער גערעכנט אז ער וועט לעבן מיט 5 יאר מער 152, און די העלפט דערפון איז 76, און רוב שנותיו איז 77.

מיט דעם פארשטייט מען אז בשעת ווען יעקב איז אנטלאפן קיין חרן איז ער אלט געווען 63, האט ער נאך מורא געהאט אז ער וועט זינדיגן ביי לבן, וועגן דעם האט ער געווארט 14 יאר אין בית עבר וואו ער האט געלערנט ביז ער איז אלט געווארן 77 איז שוין געווען עברו רוב שנותיו, האט ער שוין נישט געדארפט מורא האבן אז לבן וועט איהם מאכן זינדיגן.

*

**אכן יש ה׳ במקום הזה ואנכי לא ידעתי:**

עס שטייט אין מדרש **כל מה שישראל אוכלים בעולם הזה אינם אוכלים אלא בשביל שכר האמונה**, לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס לעבן אידן נאר אין זכות פון אמונה, און נישט פון אלע אנדערע מצות פון די תורה?

זאגט דער **רבי ר׳ העשיל** זי"ע אין חנוכת התורה, ווייל לכאורה דארף מען פארשטיין דעם טעם פארוואס שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, עס שטייט דאך א מצוה אין די תורה פון ביומו תתן שכרו, און דער רבש"ע האלט דאך אויך די מצות פון די תורה, איז ער דאך מחויב צו באצאלן דעם שכר פון די מצות אויף די וועלט?

נאר מ׳קען זאגן לויט ווי די הלכה איז אז אויב א בעה"ב האט געשיקט א שליח אז ער זאל דינגען פאר אים א ארבעטער, איז מען נישט עובר אויף בל תלין, ווייל דער בעה"ב קען זאגן "איך האב דיך נישט גדינגען", און דער שליח קען זאגן "דו האסט נישט געארבעט פאר מיר".

די תורה איז דאך געגעבן געווארן פאר אידן דורך משרע"ה, ממילא איז כביכול נישט עובר אויף בל תלין, ווייל ער האט דאך דאס געגעבן דורך א שליח, אבער די ערשטע צוויי דברות פון **אנכי ולא יהיה לך** זענען דאך יא געגעבן געווארן דורכן רבש"ע אליין, דארט איז ער יא עובר אויף בל תלין.

טייטשט מיט דעם דער הייליגער **קדושת יו"ט** זי"ע אז דאס האט יעקב אבינו געזאגט **אכן יש ה׳**, די מידת הרחמים וחסדים וואס קומען אראפ פון הימל, **במקום הזה** איז אויך דא אויף די וועלט, אי׳, **שכר מצוה בהאי עלמא ליכא**, אויף דעם איז דער תירוץ, **ואנכי**, **לא**, ווייל אידישע קינדער האבן געהערט מפי הגבורה **אנכי** מיט **לא**, וועגן דעם **ידעתי** ווייס איך אז עס איז יא דא שכר מצוה אויף די וועלט.

*

**ותרץ ותגד לאבי׳:** זאגט רש"י אז כאטש געוועגליך דערציילט א מיידל פאר די מאמע, אבער אזוי ווי די מאמע האט שוין נישט געלעבט האט זי דאס דערציילט פארן טאטן.

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס די תורה דערציילט אונז דאס אז איר מאמע האט שוין נישט געלעבט?

זאגט דער הייליגער **אגרא דכלה** אז ווען יצחק האט געהייסן פאר יעקב אז ער זאל גיין קיין חרן און נעמען לבנ׳ס טאכטער פאר א ווייב האט ער געוואלט אז ער זאל גיין שנעל ווילאנג לבן האט נאר טעכטער נישט קיין זון, ווייל ווען ער וועט שוין האבן זון וואס וועלן זיין רשעים, וועט ער נישט קענען האבן קיין ערליכע קינדער ווייל **רוב בנים הולכים אחרי אחי האם**.

לויט דעם דארף מען פארשטיין ווי אזוי האט זיך יעקב אבינו געטרויעט צו ווארטן אזוי לאנג, קודם איז ער געווען פערצן יאר אין בית עבר, און נאכדעם האט ער נאך געזאגט פאר לבן אז ער וועט אים דינען זיבן יאר פאר רחל, אין די צייט וואלט דאך לבן געקענט האבן זון רשעים, און עס וואלט נישט געטויגט?

וועגן דעם האט די תוה"ק מקדים געווען צו דערציילן אז זי איז געלאפן **לבית אבי׳**, ווייל די מאמע האט שוין נישט געלעבט, און אז זי האט שוין נישט געלעבט, האט רחל און לאה נישט געקענט האבן קיין ברודערס. און יעקב אבינו האט דאס שוין געהערט אויפן וועג צו לבן, און וועגן דעם איז ער געבליבן אין בית עבר פערצן יאר.

### סעודת מלוה מלכה

**סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה:** דער **הייליגער ריזשינער** זי"ע זאגט א שיינעם רמז אויפן ענין פון מלוה מלכה.

דאס ווארט **סל"ם** איז ראשי תיבות **ס׳עודת ל׳וית מ׳לכא.** א רמז אויף די מצוה פון עסן מלוה מלכה, **מוצב ארצה**, מענטשן קוקן דאס אן ווי א קלייניקייט, ווי ס׳ליגט אויף דער ערד, אבער באמת, **וראשו מגיע השמימה**, די ענינים דערפון זענען זייער הויך ביזן הימל. **והנה מלאכי אלקים**, די מלאכים וואס קומען אראפ שבת, **עולים**, גייען ארויף ביי מלוה מלכה, **ויורדים** און זיי קומען צוריק אראפ **בו** איז ר"ת ב׳יום ו׳, אינעם זעקסטן טאג אין די וואך, פרייטאג.

# אוצר הידיעות

## ויצא יעקב מבאר שבע

דער חיד"א (פני דוד פרשת ויצא) ברענגט א מדרש אז אליפז בן עשו האט נאכגעיאגט יעקב אבינו אויפן באפעל פון זיין טאטן עשו הרשע, מיטן ציהל אים צו הרג'ענען, יעקב אבינו האט זיך געבעטן ביי איהם אז ער זאל איהם נישט הרג'ענען, און ער האט אים אלעס אוועק געגעבן וואס ער האט געהאט, און אליפז האט אים איבערגעלאזט אינגאנצן אן קיין קליידער כדי ער זאל קענען וויזן פאר זיין טאטן אז ער האט אויסגעפירט זיין באפעל.

יעקב אבינו איז געבליבן דארט אן קיין קליידער, איז ער אריין אין א דערנעבנדיגן טייך כדי זיך אויסבאהאלטן דארט.

זייענדיג אין טייך איז געקומען צו פארן א רייטער אויף א פערד, יענער האט זיך אויסגעטון די קליידער און ער איז אריין אין טייך זיך אויפצופרישן, איז געקומען א וואל פון וואסער און האט איהם פארפלייצט און דערטרונקען.

איז יעקב אבינו ארויסגעקומען פון וואסער און ער האט גענומען זיינע קליידער מיטן פערד און ער איז אוועק געפארן פון דארט. ער האט אבער מורא געהאט אז די קרובים פון דעם רייטער וועלן דערקענען די קליידער פון זייער קרוב, איז ער דעמאלטס געגאנגען און זיך באהאלטן י"ד שנים בבית עבר.

הגה"ק רבי שאול בראך זצ"ל אב"ד קאשוי ברענגט אין זיין ספר אבות על בנים אויף דעם די רמז פון חכמינו ז"ל אויף די ווערטער ויספר לה יעקב א"ת כ"ל הדברי"ם האל"ה וואס דאס איז ראשי תיבות א'ל ת'תמה כ'י ל'א ה'באתי ד'בר ב'רכוש ר'ב י'צאתי מ'שם ה'לך א'ליפז ל'קח ה'כל, וואס אין דעם איז מרומז די גאנצע מעשה.

הגה"ק רבי יהודה אסאד זצ"ל אין ספר דברי מהרי"א זאגט אז די זעלבע זאך איז מרומז אנהויב סדרה אין די ווערטער ויצא יעקב מבא"ר שב"ע ויל"ך חרנ"ה, וואס איז ר"ת מ'יד ב'א א'ליפז ר'שע ש'הוא ב'ן ע'שו ו'יתן ל'ו י'עקב כ'ל ח'ילו ר'ק נ'שאר ה'מקל.

---

# מאוצר רבותינו

## ויעקב הלך לדרכו ויפגעו בו מלאכי אלקים

ווען **הרה"ק רבי אברהם דוב מאווריטש זי"ע דער בת עין** איז ארויפגעפארן זיך באזעצן אין ארץ ישראל, איז ער געגאנגען זיך געזעגענען פון **הרה"ק רבי אהרן מזיטאמיר זי"ע**, און ער האט אים געטראפן שטארק נישט געזונט.

האט אים רבי אהרן געזאגט אז די דאקטורים זאגן אז אויב ער וועט טרינקען וואסער פון ארץ ישראל קען דאס זיין א רפואה פאר זיין מחלה. מילא אזוי ווי איר האט דאך במחשבה צו פארן קיין ארץ ישראל, און דער **בעש"ט הק' זי"ע** זאגט דאך אז דארט וואו די מחשבה פון א מענטש איז דארט געפונט זיך דער מענטש. דעריבער בעט איך אייך א טובה אז איר זאלט נעמען א גלעזל וואסער און טרינקען דערפון, אזוי וועט דאס וואסער ווערן וואסער פון ארץ ישראל, און די איבריגע וועל איך אויסטרינקען און אויסגעהיילט ווערן.

וכך הוה, דער **בת עין** האט געטרינקען וואסער, און רבי אהרן האט אויסגעטרינקען די איבריגע, און ער האט געהאט א רפואה שלימה.

דער **בת עין** טייטשט מיט דעם דעם פסוק: **ויעקב הלך לדרכו ויפגעו בו מלאכי אלקים**, רש"י זאגט אז די מלאכים זענען געווען מלאכים פון ארץ ישראל וואס זענען אים אנטקעגן געקומען, לכאורה דארף מען פארשטיין יעקב אבינו איז דאך נאך געווען אין חוץ לארץ, פארוואס זענען אים שוין קעגן געקומען די מלאכים פון ארץ ישראל, נאר וויבאלד אין מחשבה איז ער שוין געווען אין ארץ ישראל, איז דאס גערעכנט געווארן אין הימל ווי כאילו ער איז שוין אין ארץ ישראל.

# יגעת ומצאת

די וואך וועל מיר לערנען די "יגעת ומצאת" איבער יעקב אבינו ע"ה, וואס די אלע ענינים שטייען די תשובות אין חומש אדער רש"י פר' תולדות ויצא, וישב, ויגש, ויחי:

**ווי אלט איז יעקב אבינו ע"ה געווען ווען אאע"ה איז נפטר געווארן? ווען ער האט באקומען די ברכות פון יצחק? ווילאנג איז ער געווען בבית עבר? פון וואו ווייסט מען דאס? ווי אלט איז יעק"א געווען ווען ער האט חתונה געהאט מיט לאה? מיט רחל? ווען האט יעקב געוואלט צוריק גיין צום טאטנס הויז? ווילאנג האט ער געארבעט נאכדעם צו באקומען זיין באצאלדונג? ווילאנג איז ער געווען אויפן וועג? וויפיל יאר איז ער נישט געווען אין טאטנס הויז? ווי אלט איז ער געווען גייענדיג קיין מצרים? ווען איז ער נפטר געווארן?**

## ראשי תיבות

ווי אזוי מאכט דאס ווארט (ווערטער וואס הייבן זיך אן מיטן אות ה')....

**הנ"ל, ה"ג, ה"ד, ה"ק, הל"ל,**

**הי"ד, הי"ו, הקב"ה, הו"א, הב"ע**

❀ ❀ ❀

## תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פרשת תולדות

א. הרה"ק רבי ר' הערש מרימאנוב, נפ' ל' חשון תר"ז. תלמיד הרה"ק רבי מענדעלע, נפ' י"ט אייר ל"ד בעומר תקע"ה, בעמח"ס מנחם ציון.

ב. הרה"ק רבי ר' ברוך ממעזעביזש, נפ' י"ח כסלו תקע"ב, ב"ר יחיאל הנקרא "דער דייטשל", אמו הצ' אדל בת הבעש"ט הק', אחיו רבי משה חיים אפרים אב"ד סאדילקוב, בעמח"ס דגל מחנה אפרים, אחותו פיגא, אמו של רבי נחמן מברעסלב, בעמח"ס ליקוטי מוהר"ן.

ג. הרה"ק רבי ר' דוב בער, המגיד ממעזריטש, נפ' י"ט כסלו תקל"ג, במח"ס מגיד דבריו ליעקב, תלמידו הגדול של הבעש"ט הק'.

ד. הרה"ק רבי ר' חיים מטשערנאוויץ, טיראר, בעמח"ס באר מים חיים, סידורו של שבת, שער התפילה, תלמיד רבי מיכל'ע מזלאטשוב, נפ' כ"ז כסלו תקע"ז.

ה. מעזעביזש–רוסלאנד. מעזריטש–רוסלאנד. רימאנוב–פוילן. טשערנאוויץ–אוקריינע. ברעסלב–רוסלאנד.

# יגעת ומצאת

## פרשת ויצא תשע"א

בעזהשי"ת

שם התלמיד:________________________ לומד אצל:________________________

**די וואך וועל מיר לערנען די "יגעת ומצאת" איבער יעקב אבינו ע"ה**

**אלע תשובות שטייען אין חומש אדער רש"י פרשת תולדות, ויצא, וישב, ויגש, ויחי**

1. ווי אלט איז יעקב געווען ווען אברהם איז נפטר געווארן?__________(רש"י כ"ה ל')
2. ווי אלט איז יעקב געווען ווען ער האט באקומען די ברכות פון יצחק?__________(רש"י כח ט')
3. ווילאנג האט ער זיך אויפגעהאלטן בבית עבר?________ (רש"י כ"ח מ"א) פון וואו ווייסט מען דאס?________________________________________(רש"י כ"ה י"ז)
4. ווי אלט איז יעקב געווען ווען ער האט חתונה געהאט מיט לאה?__________ (רש"י כ"ט כ"א) מיט רחל?______________ (כט כז)
5. ווען האט יעקב שוין געוואלט צוריק גיין צו זיין טאטן?________________ ________________________________________ (ל' כ"ה)
6. ווילאנג האט ער נאכדעם געארבעט ביי לבן פאר זיין שכר?____________________ (לא מא)
7. ווילאנג איז ער געווען אויפן וועג?__________________(רש"י ל"ז ל"ד)
8. וויפיל יאר איז ער ס"ה נישט געווען אינדערהיים?________________(רש"י כ"ח ט')
9. ווי אלט איז ער געווען אראפגייענדיג קיין מצרים? ____________________ (מז ט')
10. ווי אלט איז ער געווען ווען ער איז נפטר געווארן? ___________ (מז כח)

## ראשי תיבות (אות ה')

| | |
|---|---|
| הנ"ל ________________________ | ה"ג ________________________ |
| ה"ד ________________________ | ה"ק ________________________ |
| הל"ל ________________________ | הי"ד ________________________ |
| הי"ו ________________________ | הקב"ה ________________________ |
| הו"א ________________________ | הב"ע ________________________ |